# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Zaṿl rimer

### Menaḥem
### מנחם

**Ṿarshe, 1923**

דאָס פערצענטע קאַפּיטל

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8195**

Visual Library

# דאָס פערצענטע קאַפּיטל

נאָך קיינמאָל נישט ביז יענע טעג און אפשר קיינמאָל נישט דערנאָך
האָט זאַוול דורכגעלעבט אַזאַ פאַרפלייצונג פון באַגער
זיך אויסצורעדן און זיך אויסצוזינגען. אין די נעכט
אין קליינעם קאמער פון שפּיטאָל אין שכנות פון די קראַנקע
האָט זיך פאַרגעסן פון דער פּידל און ווען ס׳זאָל אַפילו מעגלעך זיין
אין פעלד מיט דעם אַנטלויפן און זיך דאָרטן אויסשפּילן —
אַלץ איינס האָט זיך געדרענגט דאָס וואָרט, דאָס קלאָרע
און לעבעדיקע קלינגענדיקע וואָרט. האָט זיך נאָך יאָרן
פּאַפּיר און טינט באַוויזן אויפן טישל, און נאָך מער ווי דער,
וואָס שפּיגלט זיך אין זיינע רייד צוליב דער שיינקייט פון די רייד,
האָט זאַוול זיך געשפּילט און אָנגעשפּיגלט אין די ווערטער
פון וועגן דעם, וואָס האָט די ווערטער אים געבראַכט.
אַזוי האָט ער אין לידער אין די נעכט אַרויסגערעדט
פאַר זיך דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אין די טעג און אָוונטן
בעמוזט פאַרשווייגן און אַזוי גערעדט:

ביי מיר אין האַרצן ווייט פאַרבאָרגן
וועט דיך קיין פרעמדער נישט דערזען,
און פון דעם אָוונט ביז פרימאָרגן
פאַרבלייבסטו נאָר מיט מיר אַליין.

אַ קרוין פון גינגאָלדענע רינגען
איז אויפן קאָפּ דיר אָנגעטאָן,
און פון די ריינע אויגן זינגען
די שטראַלן פון דער העלער זון.

אַ שיין פון גאָלד איז אויסגעגאָסן
אויף יעדן גליד און יעדן ריר.
און ס'האָט דער שיין אַריינגעפלאָסן
און זיך באַזעצט אין האַרץ ביי מיר.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך גאַר מורא
אַריינצוקוקן אין מיין האַרץ.
און עפן נאָר מיין האַרצנס טויערן,
ווען ס'קומט די נאַכט אין פינסטער-שוואַרץ.

דאַן רוף איך דיך, זאָלסט קומען וואוינען
אין מיין באַהעלטעניש אַריין,
און ס'לייכטן אויף די טויזנט קרוינען
מיט זייער גינגאָלדענער שיין.

אַ גאַנצע נאַכט ביי מיר פאַרבאָרגן,
אַ גאַנצע נאַכט מיט מיר אַליין.
און ווען ס'גייט-אויף דער העלער מאָרגן,
דאַן קאָנסטו צו דעם מאָרגן גיין.

ווייל דו ביסט דאָך אַליין דער מאָרגן
אין שיין און שטראַלן אָנגעטאָן.
ווי קאָן איך האַלטן דיך פאַרבאָרגן,
ווען ס'גייט אַנטקעגן דיר די זון?

* *
*

ערשט ווייס איך שוין, אויף וואָס איך האָב געוואַרט
די גאַנצע דריי און דרייסיק יאָר.
מיין אָרעמע נשמה האָט געגארט
איר חלום צו דערקענען אויף דער וואָר.

מיין אָרעמע נשמה האָט געוואוסט,
אַז ערגעץ לעבט איר חלום אויף דער וואָר.
ערשט ווייס איך שוין צו וואָס איך האָב געגאַרט
די גאַנצע דריי און דרייסיק יאָר.

* *
*

ליגן די קראַנקע און שלאָפן,
קרעכצן פון שלאָף,
קרעכצן, אַזוי ווי ס'וואָלט קומען
אומזיסט זייער שטראָף.

ווילט זיך אין מיטן דער נאַכט
אריינגיין צו זיי,
אויפוועקן יעדן פון קרעכצן
און זאָגן צו זיי:

אָט איז אַ האַרץ, וואָס האָט אויך
פינסטער און וויסט,
לאַנג זיך געמאַטערט אין טראַכטן,
אַז אַלץ איז אומזיסט.

איצט אָבער האָט עס באַגריפן,
אַז ליידן און פיין
זענען בלויז וועגן, וואָס פירן
צו גאָלדענער שיין.

קרעכצן דערשראָקענע קראַנקע
פון ווייטאָק און לייד.
חלומט כאָטש איינער, אַז ערגעץ
וואַרט שוין זיין פרייד?

* *
*

מיין האַרץ האָט אַלעמאָל פון ערגעץ
די העלע פרייד פאַרנומען,
ס'האָט אָבער קיינמאָל נישט געוואוסט,
פון וואַנען וועט עס קומען.

נאָר איצטער, אַז איך ווייס פון וואו
מיין פרייד איז אָנגעפלויגן,
מיר דאַכט – כ'האָב אַלעמאָל אַהין
געווענדעט מיינע אויגן.

* *
*

שעם זיך נישט, מיין האַרץ, און זאָג אַזוי:
דורך דער נאַכט אין גאַסן גייט אַ מלאך אום,
שטעלט זיך אָפּ ביי יעדן צוגעמאַכטן הויז
און מיט ווייסע פליגלען נעמט ער עס אַרום.

מענטשן שלאָפן אין דער פינסטערניש אין שרעק
און זיי ציטערן און חלומען פון פיין.
און פון אַלע זייטן קומט די רו צו זיי
דורך די לאָדן-שפּאַלטן אינם הויז אַריין.

מענטשן שלאָפן אָנגעשראָקענע פון נאַכט
און זיי ווייסן נישט, אַז ערגעץ ווערט שוין גרוי,

אַז אַ מלאך־גייט אַרום און טרייבט די שרעק
און עס קומט דער מאָרגן אין אַ גוטער שעה.

* *
*

דו ביסט מיט מיר געגאַנגען זוכן יענעם פּלאַץ,
וואו ס'איז אַמאָל געשטאַנען אונזער הויז,
און ס'האָט דיין קליינער פוס געטראָטן אויפן גראָז,
וואָס וואַקסט פון צווישן שוואַרצן שטיין אַרויס.

און וואו עס האָט אַ טראָט געטאָן דיין קליינער פוס,
איז ווידער דאָרט פאַר מיר אַ הויז געוואָרן.
און וואו עס האָט אַ טראָט געטאָן דיין קליינער פוס
האָב איך צוריק געפונען, וואָס איך האָב פאַרלאָרן.

עס ווערט מיר היימיש יעדע וויסטעניש אין פעלד
און יעדער שטיין, אויף וועלכן ביסט געשטאַנען.
און ס'ווערט מיין היים די גאַנצע גרויסע וועלט,
ווייל דו ביסט אין דער וועלט פאַראַנען.

* *
*

וואָס פאַר אַ מעשה זאָל איך דיר דערציילן?
פון בער, וואָס כ'האָב מיט אים אַ הייל געבויט?
מען האָט אים איינמאָל שיער שוין נישט דערהרגעט
און איך וואָלט בלייבן שולדיק אין זיין טויט.

עס זענען יעגער אין דעם וואַלד אַריין געקומען
און האָבן אים אין גרוב אַריין פאַרגאַרט.
איך האָב געהערט זיין רעווען און זיין שרייען
און בין געשטאַנען פון דער ווייטן און געוואַרט.

פאַרוואָס בין איך צו הילף אים נישט געקומען?
קאָן זיין, איך האָב געוואַרט שוין אויף זיין טוף.

און פאַר מיין וואַרטן בין איך נאָכנישט אָפּגעקומען,
און פאַר מיין וואַרטן וואַרט אויף מיר די שטראָף.

דעריבער וועט עס מיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן
און וועט מיט שטומע אויגן נאָכגיין מיינע טריט.
ביז וואַנען כ'וועל אַ מידער ערגעץ פאַלן
אויף אייביק צו דער ערד שוין צוגעשמידט.

און אפשר וועל איך אים אַליין אַמאָל אַ וואָרף טאָן
דאָס לעבן מיינס און זאָגן: — נאַ, פאַרצער!
דאַן וועט ער שוין נישט האָבן וואָס צו זוכן
און ס'וועט זיך ענדיקן די מעשה מיטן בער.

* *
*

וואָלסטו זיין אַ פויגל אין אַ שטייג,
קאָן גאָר אייבער עפענען די שטייג
און דו וואָלסט אַוועקפליען פון מיר.

וואָלסטו זיין אַ פרוי, וואָס איך האָב ליב,
קאָנסטו נאָך אַ צווייטן קריגן ליב
און דו וואָלסט אַוועקפליען פון מיר.

ביסט אָבער נישט מער ווי מיין נשמה,
מער נישט ווי מיין אייגענע נשמה —
ווי קאָנסטו צוועקפליען פון מיר?

סיידן עס וועט אָנקומען מיין שעה,
און אָן אויסגעלייזטע אין מיין לעצטער שעה —
וועסטו דאַן אַוועקפליען פון מיר.

* *
*

דער בלויער הימל האָט געזען
ווי דו האָסט מיט די דינע הענט

מײַן האַלז אַרומגענומען –
געזען און האָט געשוויגן.

דער שטילער טײַך האָט צוגעזען
ווי דו האָסט זיך צו מיר געדריקט,
ווי שטילער וואַסער צו אַ ברעג –
געזען און האָט געשוויגן.

דער בוים בײַם ברעג האָט צוגעזען
ווי ס'איז דײַן גאָלדנער קאָפּ בײַ מיר
אין שויס געבליבן ליגן –
געזען און האָט געשוויגן.

נאָר מער פון אַלע האָט געזען,
געפילט, געציטערט און געקלאַפּט
מײַן אומרואיק און שרעקיק האַרץ –
און קאָן נישט, קאָן נישט שווײַגן.

* *
*

איך האָב מורא פאַר די ליפּן דײַנע.
ווי אַ פולער בעכער גיסן זײ זיך איבער
מיטן שטאַרקן ווײַן אין מײַנע אָדערן אַרײַן
און עס ציטערט מיר דאָס האַרץ ווי אין אַ פיבער.

איך האָב מורא פאַר די פינגער דײַנע.
זײער אָנריר גיסט מיר שוואַכקײט אין די גלידער
און איך ווײס נישט וואָס מיט זיך צו טאָן
סײַדן צו אַנטלויפן, אַ פאַרלאָרענער און מידער.

און די אויגן גליען אַזוי העל,
אַז עס ווערט דאָס האַרץ אין מיר צעגאַנגען.

און עס ווילט זיך מיר אַוועקלויפֿן פֿון דיר
און פֿון מיר און פֿון די גליענדע פֿאַרלאַנגען.

* *
*

ניין, איך וויל נישט, דו זאָלסט ווערן קראַנק.
דאָך אין קראַנקן בעט ביסטו געווען ווי אַ קינד,
האָב איך דיך געזען נאַקעט ווי אַ קינד
און זיך נישט געשראָקן פֿאַר קיין זינד.

איצט ביסטו קיין קינד נישט – און אין ווייסן קלייד
ווייסע געמען מיך אַרום די הענט.
פֿיל איך נאַקעטע אין ווייסן קלייד די הענט
און די נאַקעטקייט אויף מיינע אַקסל ברענט.

* *
*

דיין מאַמע האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן
און כ'האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן.
ווען זי זאָל עפּעס וויסן נאָר דערפֿון,
פֿאַרוואָס איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

* *
*

פֿאַרוואָס איז דאָס אַזוי?
עס פֿילט מיך אָן מיט ליכט דאָס בענקעניש צו דיר,
עס זינגט דאָס האַרץ, ווען כ'קום נאָר צו דיין טיר
און ווען איך זע די אויגן דיינע, זינגט אין מיר
אַ יעדער טראָפּן בלוט, ווי כ'וואָלט אַוועק
פֿון שוואַרצער ערד אין הויכע בלויע הימלען –
פֿאַרוואָס-זשע ציטער איך אַזוי פֿון שרעק?

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?
די ליפּן דײַנע זענען ווי אַ רויטע בלום
און לעבן דיר אין שמעקנדיקן גאָרטן גיי איך אום
און פידלען שפּילן און זיי רופן — קום!
עס דאַכט — איך הייב זיך אויף אַ לינדן ווינט
אַהין, וואו שטראַלן זינגען און מלאכים שפּילן —
פאַרוואָס־זשע ציטער איך אַזוי פאַר זינד?

* *
*

ס׳האָט מײַן פינסטער מזל מיך געטראָפן אויפן וועג
און געזאָגט צו מיר: דו וועסט דאָך נישט אַנטרינען.
כ׳וועל דיך אָפּלאָזן אַ טאָג און נאָך אַ טאָג,
ווען כ׳וועל דאַרפן, וועל איך דיך געפינען.

ס׳האָט מײַן פינסטער מזל מיך געשטאָכן מיט אַ שפּיז
און געעפנט מײַנע שלאָפנדיקע וואונדן.
האָט אַ שטראָם געטאָן דאָס וואַרעם בלוט אין מיר,
איז מײַן ציטערניש אין אייגן בלוט פאַרשוואונדן.

האָב איך זיך געלאָזן צו דעם ליבן הויז
לײַכט און לופטיק, ווי אויף ווײַסע פליגל.
און געזונגען האָט אין מיר דאָס טריפנדיקע בלוט
ווי אַ מאַמע זינגט צום קינד אין וויגל.

* *
*

די ביימער אין דער נאַכט האָבן דערקענט
דאָס גליק, וואָס האָט פון פּנים מיר געברענט,
און ס׳האָבן נאַכט און שטערן און די וועלט
דערזען, וואָס אין מײַן האַרצן קוועלט.

איך האָב די זינד מיט מײַנע ליפּן אויסגעבּרענט,
כ׳האָב דורך דער צאַרטער הייליקייט אין מײַנע הענט
מײַן בּלוט געהייליקט–איז עס פון דער ערד אַוועק
און ס׳איז נישטאָ שוין מער קיין זינד און שרעק.

דאָס אויג איז קליין און אָרעם איז דער בּליק.
נאָר וויפיל ס׳קאָן –– זאָל עס אַרויסלייכטן דאָס גליק.
ווייל ריין און אָפן איז מײַן האַרץ אַנטקעגן גאָט
און אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט מײַן סוד.

* *
*

– וואו וועסטו מיך מאָרגן טרעפן?
– וואו זאָל איך דיך מאָרגן טרעפן?
אויפן ראַנד פון ווײַסן וואָלקן
וועל איך דיך בּאַגעגענען.

– וואו וועלן מיר גיין שפּאַצירן?
– וואו זאָלן מיר גיין שפּאַצירן?
אויפן וואָלקן, וואו די זון וועט
אונז מיט גאָלד בּאַרעגענען.

– וואו וועלן מיר אָפּשייד נעמען?
– וואו זאָלן מיר אָפּשייד נעמען?
אויפן פורפור-בּרעג פון וואָלקן
וועט מען זיך געזעגענען.

* *
*

פון די הימלען קום איך, פון דער ווייטער הויך,
וואו ס׳איז קלאָר און ריין.
צונגעזאַפּט מיט בלויער העלקייט פון דער הויך
בין איך ליכט אַליין.

מיינע הענט פון ווייסע שטראַלן אויסגעוועבט —
שיינען זיי.
מיינע פיס טראָגן מיך לייכט ווי אויפֿן ווינט
ווייסע וואָלקנס צוויי.

און אין האַרצן, אין מיין הימל ברענט אַ זון
אָן אַ אונטערגאַנג,
אירע שטראַלן גיסן גאָלד אין מיינע אַדערן
מיט געזאַנג.

העלע לויטערקייט צעשפרייט זיך אַרום מיר,
טריט נאָך טריט.
וואָס עס קומט אונטער מיין בליק און מיין באַריר
פון מיין אָפּשיין גליט.

* *
*

ווען דו זאָלסט זיין באמת וואָס דו ביסט —
אַ נס, וואָס איז צו מיר געשיקט געוואָרן,
און נישט אַ קינד ווי דו זעסט אויס —
וואָלט איך געקאָנט פון דיר אַוועקגיין אויף אַ ווייל
זיך אָפּרוען און צו זיך קומען,
ווייל ס׳איז מיר צופיל, צופיל וואונדער
און כ׳קאָן אַזויפיל נישט דערטראָגן.

ווען דאָרט אין מיר זאָל זיין באמת דאָס וואָס איז —
אַ לעבעדיקער קוואַל, וואָס שטראָמט אַריבער,

און נישט אַ האַרץ, וואָס קלאַפּט —
וואָלט איך געקאָנט אַרומגיין צווישן מענטשן
מיט עמערס אָנשעפּן און אויסטיילן
און ס׳וואָלט מיר לייכטער ווערן.

און אַז דו ביסט דאָך כאָ־ט אַ קינד
און כ׳קאָן נישט בייקומען דיין רופן,
און אַז אין מיר איז פאַראַן אַ האַרץ
אַרומגעצאַמט און איינגעבונדן אין מיין לייב,
ווערט פון דיין נאָנטקייט אַלץ שטורמיקער דער קוואַל,
און כ׳האָב זיך נישט וואו הינצוטאָן
מיט אָט דעם בלענדנדיקן שטורעמדיקן שטראָם.

* *
*

ביינאַכט איבער די גאַסן גיי איך
און קוק אין די פאַרמאַכטע לאָדן.
איך וויים, אַז דאָרטן אין דער פינסטער
איז יעדער הויז מיט וויי באַלאָדן.

און כ׳בעט זיי — עפנט אויף די טירן
און לאָזט מיר אייער ווייטאָק נעמען.
מיין האַרץ האָט זיך פאַרבענקט נאָך ליידן
און וויל אין צוואַנג פון פיין זיך קלעמען.

די טיר און פענסטער צוגעשלאָסן —
מען וויל זיך מיט דער לייד נישט שיירן.
און איך, וואָס בענק נאָך דעם, האָב גאָרנישט,
נאָר ליכט און העלע פריידן.

* *
*

ווי לאַנג וועט עס נאָך דויערן ?
ס'איז צופיל, צופיל גליק.
און ס'קלינגט מיר אין די אויערן :
שוין צייט אַהיים צוריק.

איך וועל אַזוי-אַ שטראַלנדיק
פאַרברענט ווערן אין שיין,
און ווי אַ קיל צעפאַלנדיק
אין שוואַרצער נאַכט אַריין.

---